# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ואתחנן תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 445

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### משה האט געדאווענט 'לאמר'

"וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" (ג כג)

**רבי פינחס הלוי הורוויץ פראנקפורטער רב זאגט:**

אין מסכת ברכות (ד ב) ווערט געברענגט אז רבי יוחנן האט מתקן געווען אז בעפאר תפלת שמונה עשרה זאל מען בעטן: "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" (תהילים נא יז). די תפילה פעלט זיך אויס אפילו פאר דער וואס די ווערטער זענען שגור אין זיין מויל, ווייל פארן זיך שטעלן דאווענען ווען ער וועט זיך מתבונן אין זיין שפלות אקעגן די גדלות הבורא, וועט ער באלד ארומגענומען ווערן מיט א געוואלדיגע פארכט, אזוי ווייט אז ער וועט פארלירן דעם כח הדיבור. דעריבער פארן אנהייבן דאווענען זאל ער בעטן פון ה' זאל אים העלפן עפענען זיין מויל ביים דאווענען.

און דאס דערציילט אונז משה רבינו אין אונזער פסוק: "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא" - פארן זיך שטעלן דאווענען, "לֵאמֹר" - איך זאל קענען עפענען מיין מויל און דאווענען פאר אים.

'פנים יפות'

### דער פיוט וואס איז ערקלערט געווארן אין חלום

"וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל יָדֶךָ וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ" (ו ח)

אין דער פיוט פון ר"ש אבן גבירול [וואס ווערט געזאגט ביי די 'יוצרות' אויף שבת נחמו] - "שתי פעמים מקוימים", איז דא א שטיקל וואס עס פעלט אין דעם א ערקלערונג: "דין נשמע תורת שמע, בכל לשון להתמלל, הלא נודעה בארבעה, אשר פרשו זקנינו". דער מקובל **רבי צבי הירש הורוויץ**, ברענגט אז פאר צוויי מאורי הדורות האט מען אנטפלעקט אין חלום דעם טייטש פון דעם שטיקל, און ווי פאלגענד:

פארן **מהר"ל מפראג** האט מען עס אזוי מפרש געווען, די חכמים דרש'ענען (סנהדרין ד ב) פון דעם וואס די תורה רופט אן די תפילין של ראש "טטפת", אז ביי די תפילין של ראש דארף מען אריינלייגן די פיר פרשיות אין פיר עקסטערע בתים, ווייל: 'טט' אויף די 'כתפי' שפראך - איז צווי, 'פת' אויף די אפריקאנער שפראך - איז צווי. די דרשה וואס איז געבויעט אויף דעם וואס די ווארט 'טטפת' איז צוזאמגעשטעלט פון פרעמדע שפראכן, איז געוואנדן אין די הלכה וואס די חכמים דרש'ענען (ברכות יג א) פון די ווארט "שמע", אז מען קען ליינען קריאת שמע "בכל לשון שאתה שומע", און נישט נאר אויף לשון הקודש.

אויב אזוי איז דאס די כוונה פונעם פייטן: "דין נשמע תורת שמע, בכל לשון להתמלל" - ווייל די חכמים דרש'ענען: "'שמע' - בכל לשון שאתה שומע", "הלא נודעה בארבעה, אשר פרשו זקנינו" - אזוי האבן אונזערע זיידעס געקענט טייטשן אז די פרשיות פון די תפילין של ראש צוטיילן זיך אין פיר בתים.

**רבי שמשון אוסטראפאלער** האט דערציילט אז דער 'מגלה עמוקות' האט זיך צו אים אנטפלעקט אין חלום און ערקלערט אז די כוונה פונעם פייטן איז געווען צו זאגן, דער דין אז מען קען ליינען קריאת שמע אויף אלע שפראכן, איז געשריבן אין פיר מסכתות: א. מסכת ברכות (יג א). ב. מסכת מגילה (יז ב). ג. מסכת סוטה (לב ב). ד. מסכת שבועות (לט א).

'אספקלריא המאירה' על הזוהר [פיורדא תקל"ו] ואתחנן קי א

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### שלימות ברענגט שלימות

אן אינטערעסאנטן שמועס איז פארגעקומען אין קאווע-ווינקל אין איינע פון די בתי מדרשים: א חשובער איד איז צוגעגאנגען צו זיין חבר, וואס האט פונקט פארענדיגט טרינקען א גלעזל קאווע, און בעפאר ער האט געוואלט זאגן די ברכה 'בורא נפשות', האט ער זיך געוואנדן צו אים מיט א בקשה: "קענסט מיר אפשר מוציא זיין מיט דיין ברכה?"; דער חבר האט געשאקלט דעם קאפ 'יא', טראכטנדיג - עס איז גאנץ א אפטע ערשיינונג, אז א מענטש וואס האט נארוואס געטרונקען האט א ספק צי ער איז מחויב צו זאגן א ברכה און בעט זיין חבר זאל אים מוציא זיין.

ווי עס איז צוגעפאסט צו אזא 'מעמד', האט ער זיך אפגעשטעלט אויף א מינוט, אויפגעהויבן אביסל און אנגעהויבן זאגן די ברכה הויעך און געלאסן, 'כמונה מעות', און מיט א באזונדערע כוונה: "בורא נפשות רבות וחסרונן...", ביז ער האט געענדיגט און זיין חבר האט געענטפערט 'אמן'!, אויך מיט די ריכטיגע כוונה, ווען דערנאך לייגט ער צו א "יישר כח" מיט א פולן מויל.

דער מברך איז אבער איבערראשט געווארן צו אנטדעקן, אז תוך כדי דיבור האט דער צווייטער אנגעהויבן אליינ'ס צו זאגן 'בורא נפשות', הויעך און געלאסן. נאכן ענטפערן 'אמן' האט ער זיך אנגערופן מיט א אנגעווייטאגטע טאן: "האסט געוואלט שפעטן פון מיר?" "חלילה", האט דער אנדערער געענטפערט א שארפע ענטפער, "פשוט, עס האט מיר ווי געטון צו זען, אז דו גייסט "אפכאפן" א ברכה, און איך האב דיך געוואלט 'מזכה' זיין אז כאטש דאס מאל זאל דיין ברכה געזאגט ווערן ווי עס דארף צו זיין...".

יא! דאס איז דער פאקט; ווען מיר זאגן א ברכה אין די אויערן פון אנדערע, צוליב וועלכער סיבה עס זאל נאר זיין, זאגן מיר אינגאנצן אנדערשט!

מיר אלע זענען עדות אויף די ברכות השחר וואס ווערט זאגט יו"ט שבועות פארטאג'ס פון דער וואס איז 'מוציא' די וואס זענען נישט געשלאפן ערב שבועות, מיט וועלעכע התלהבות זיי ווערן געזאגט! וואספארא 'אמן' ווערט געענטפערט נאך זיי! אבער דער אמת איז אז אזא מעמד קומט אויף פאר יעדן טאג אין זייער אסאך שולן איבער דער וועלט, ביי די מתפללים וואס האבן זיך צוגעוואוינט צו זאגן די 'ברכות השחר' אין די אויערן פון די וואס וועלן ענטפערן נאך זיי 'אמן'. יעדער וואס שטייט אין זייט און קוקט צו וועט זיך איבערצייגן וויאזוי זיי זאגן די ברכות, אינגאנצן אנדערש פון די וואס זאגן די ברכות צווישן זיך. די זאגן ריכטיג ארויס די ווערטער, צוטיילן די ווערטער און מיט א ריכטיגן אקצענט, און די אנדערע - שטיל און אפגעכאפט...

לאמיר געדענקען: האסט געזאגט א ברכה אין די אויערן פון אנדערע - האסטו זוכה געווען צו א דאפלטע פארדינסט; אויסער דעם וואס דו האסט זוכה געווען משלים זיין דיין ברכה מיט א 'אמן', האסטו אויך זוכה געווען אז די ברכה אליין איז געזאגט געווארן מיט א שלימות. אזוי אויך לאמיר זאגן פאר דער וואס ענטפערט: האסט געענטפערט 'אמן' נאך דיין חבר'ס ברכה, אויסער די שכר אויף די 'אמן' וואס דו האסט - האסטו מזכה געווען דיין חבר צוזאגן א געהעריגע ברכה!

מיט דעם, וועלן מיר אויך איינשפארן די ווייטאגליכע ערשיינונג פון מתפללים וואס האבן געענדיגט דאווענען שחרית נאכן אנגעקומען שפעט... און געדענקען נישט צי זיי האבן געזאגט ברכות השחר פארן דאווענען צי נישט... ס'איז נישט קיין ספק אז אזא זאך וועט נישט פאסירן ביי די וואס זענען מקפיד זאגן ברכות פאר אנדערע, ווייל די 'אמן', אויסער וואס דאס איז א 'באשטעטיגונג' אויף די ברכה זעלבסט, עס איז אויך א 'באשטעטיגונג' אז דא איז געווען א ברכה...

האבן מיר יעצט ווידער געלערנט, אז 'אמן' בכלל, און ברכות השחר מיט א חברותא בפרט, האט נישט קיין גלייכן פאר זייערע מעלות, די ריזיגע רווחים וואס קומען דורך דעם און די שפע בגשמיות און ברוחניות אן קיין ענדע. אמן.

**מיט א רוף "ואמר כל העם אמן"**

**און א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# די 'דאווענען' רייזע וואס איז געווארן א 'דאנק' רייזע

די התרגשות און האפענונג וואס האט געהערשט אין די מאשין האט מען געקענט טאפן מיט די הענט, וואכן און חדשים פון פלאנירן אין ענדליך פארווירקליכט געווארן, און די לאנג-ערווארטעטע רייזע איז ארויס מכח אל הפועל. אט יעצט פארט די אויטא אויף די צפון וועגן, אויפן וועג צו קברי צדיקים, וואס געפינען זיך אין די גליל געגנט.

אין די אויטא זענען געזיצן דריי יונגעלייט פון איין פאמיליע, וואס זענען נעבעך פאראורטיילט געווארן צו ווארטן א לאנגע צייט אויף זרע של קיימא. עטליכע יאר איז שוין אדורך זינט זייער חתונה, און זיי האבן נאכנישט זוכה געווען צו שעפן נחת פון אייגענע קינדער. די רייזע האבן זיי א לאנגער צייט צוריק פלאנירט, און ערשט יעצט איז זיי געלונגען עס אויספירן.

פון די ווייטע אמעריקע זענען זיי געקומען קיין ארץ הקודש, דאווענען אויף די קברי צדיקים וואס זענען באהאלטן אין איר ערד, צו בעטן פאר השי"ת זיי זאלן שוין זוכה זיין געהאלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים.

דער נייער מאשין איז שנעל געפארן, ווען פלוצים האט דער דרייווער באמערקט פאר


אויסגעשפרייט זאמד צוליב א אויל-פלעק

זיך א געפאר, אשווארצער, גליטשיגע פלעק פארשמירט אויפן וועג. א 'אויל פלעק!' - ער איז אויפגעציטערט געווארן, און זיך געאיילט קוועטשן אויף די ברעיקס, אבער ווי עס זעט אויס האט ער פארשפעטיגט מיט איין מינוט...; דער אויטא האט זיך אויסגעגליטשט אויף די אויל-פלעק, זיך געדרייט און געדרייט ביז עס האט זיך איבערגעקערט אין דער זייט פונעם וועג, און פון דארט זיך אראפגעקוילערט אין די טיפע וואדי אויפן זייט פון וועג.

דער פארקער אויפן וועג איז אפגעשטעלט געווארן. די גרויסע הצלה-קרעפטן וועלכע האבן זיך געאיילט צוקומען זענען שנעל אראפגעלאפן צום די וואדי קאנטראלירן די צושטאנד פון די פארוואונדעטע, זיי האבן זיך געגרייט אויפן ערגסטן, אבער ווי מער זיי האבן דערנענטערט האבן זיי געזען די געוואלדיגע נסים. אויף דער שטיינערדיגער ערד טיף אין וואדי, נעבן דעם איבערגעקערטן, פאררויכערטן אויטא, זענען געזיצן דריי געשטאלטן, צוקלאפט און צוקראצט, אבער געזונט און פריש.

פאר די הצלה קרעפטן איז נישט איבערגעבליבן נאר זיי צו מכבד זיין מיט גלעזער וואסער, און זיי העלפן, יעדן לויט זיין מצב, צוריק ארויף גיין אויף די שאסיי, וואו די אמבולאנסן האבן שוין געווארט זיי צו פירן אין שפיטאל פאר פולשטענדיגע אונטערזוכונגען.

די פולשטענדיגע אונטערזוכונגען וואס זענען דורכגעפירט געווארן אינעם שפיטאל האבן באשטעטיגט דעם גרויסן נס, קיינער פון די פאסאזשירן איז נישט ערנסט געשעדיגט געווארן, אויסער א קליינע בראך דא און דארט און קליינע שניטן. מען האט זיי דארט איבערגעלאזט איבערן נאכט, אבער צומארגנס זענען באפרייט געווארן.

מיט עטליכע טעג שפעטער, נאכדעם ווי זיי האבן זיך אביסל צוריק געקערט צו די כוחות, האבן זיי ווידער געמאכט די נסיעה; "וויאזוי האבן מיר זוכה געווען צו אזא וואונדערליכן נס?", האבן זיי זיך געפרעגט אינמיטן די רייזע, עס איז זיי שווער געווען צו פארדייען די מציאות, "וויאזוי האבן מיר זוכה געווען אז מיר זענען אלע ארויסגעקומען לעבעדיג פון אזא שווערן עקסידענט, אין די צייט וואס קלענערע עקסידענטן האבן שוין צוגעברענגט צו שוידערליכע קרבנות? וויפיל דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם באשעפער פון דער וועלט וואס האט אויף אונז געקוקט מיט השגחה פרטית ווי א רחמנות'דיגער פאטער, און אונז געהאלטן אין זיינע הענט ביזן תהום, און מיט דעם געראטעוועט אונזער לעבן!"

זיי זענען געפארן די זעלבע וועג ווי זיי זענען געפארן מיט עטליכע טעג צוריק, און ווען זיי זענען אנגעקומען צו דער פלאץ וואו די עקסידענט האט פאסירט, האבן זיי אפגעשטעלט די מאשין אויף דער זייט פון וועג און אראפ. זיי האבן אראפגעקוקט צו דעם טיפן וואדי, דער איבערגעדרייטער מאשין וואס איז נאך דארט געווען, אונטן אין וואדי, האט עדות געזאגט ווי טויזנט עדות אויף דעם גרויסן נס וואס איז געשען מיט זיי. פון אלעמען'ס אויגן זענען גערינען טרערן פון התרגשות.

איינער פון די יונגעלייט האט פלוצים געעפנט זיין מויל און געוואלט מיטטיילן זיינע משפחה מיטגלידער מיט זיינע געדאנקען:

"מיר אלע ווייסן פארוואס מיר זענען געפארן קיין ארץ ישראל און צוליב וואס מיר זענען אויפן וועג צו די מקומות הקדושים; שוין עטליכע יאר וואס אונזער גאנצער קאפ און מח איז אין די תפילות און בקשות צו זוכה זיין צו זרע של קיימא, וואס מיר זאל זיי קענען ערציען בדרך התורה, זיי זאלן אנערקענען די הנהגה פון ה' יתברך, אים דאנקען און דערציילן זיינע וואונדער. אין לויף פון די אלע יארן איז אונזער געדאנק בלויז אויף האפן און בעטן, אינצווישן האט אונז דער באשעפער געשאנקען אזויפיל גוט'ס - האבן מיר אמאל געדענקט אים צו דאנקען?!

יעצט זענען מיר קלאר איבערגעצייגט געווארן וויאזוי מיר זענען געראטעוועט געווארן ממות לחיים, עס איז לייכט מיר זאלן לויבן דערפאר, אבער אין די געווענליכע טעג געדענקען מיר נישט אזוי צו טון. דאס איז נישט א לאגישע זאך; מיר וואלטן געדארפט אפגעבן א גרויסן דאנק אויף יעדן אטעם און אטעם, אבער צום וויינִיגסטנ'ס וואלטן מיר געדארפט דאנקען אויף די אלע טובות וואס ער האט אונז געגעבן בגשמיות און ברוחניות, און איבערהויפט פארן געבן די שטארקייט זיך צו קענען ספראווען מיט דער נסיון וואס איז זיכער נאר פאר אונזער טובה".

"איך טו פארשלאגן מיר זאלן זיך אונטערנעמען זיך מתבונן זיין יעדן טאג אין די ניסים און נפלאות וואס דער באשעפער טוט מיט אונז, און דאנקען אויף דעם פון טיפן הארצן" - האט דער שוואגער פארענדיגט מיט התרגשות און אלע האבן געשאקלט זייער קאפ אלס הסכמה.

די דריי שוואגער'ס און זייערע פרויען האבן זיך אונטערגענומען גוט אינזין ביים זאגן 'עלינו לשבח', און ביים ענדע פון די דאזיגע טייערע תפלה צולייגן עטליכע פערזענליכע דאנק-ווערטער אויף די חסד וואס זיי האבן זוכה געווען אדער געפילט.

דער גורל'דיגער טאג איז געווען ראש חודש ניסן. אין בעפארברייטונג צו פסח, ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון די רייזע צו זייערע הייזער אין אמעריקע, האבן זי זיך מער מחזק געווען אין די קבלה וואס זיי האבן זיך אונטערגענומען - צו זאגן 'עלינו לשבח' מיט כוונה, און צולייגן יעדן טאג א ספעציעלע לויב אויף די חסד וואס זיי האבן זוכה געווען אדער געשפירט אן יענעם טאג.

די פארזעצונג פון דער געשיכטע איז איבערגעשטיגן יעדע פאנטאזיע:

ביז דעם קומענדיגן פסח, האבן אלע דריי יונגעלייט זוכה געווען געהאלפן צו ווערן; דער ערשטער האט זוכה געווען צו א זון, דער צווייטער מיט א טאכטער און דער דריטער אויך א זון. די קייט פון די ניסים האט זיך פארענדיגט, צום גרויסן איבערראשונג אין ראש חודש ניסן. די דריי קינדער און זייערע ברידער וואס זענען מיט די יארן שפעטער געבוירן געווארן, זענען שוין געבוירן געווארן אויף די שויס פון דעם וואונדערליכן דערהער:

די שווערע נסיונות וואס מיר גייען אמאל אדורך, וואס מיר דאווענען אויף זיי מיר זאלן ניצול ווערן פון זיי, קומען צו אונז מיר זאלן אנערקענען און אפשאצן דעם אויבערשטנ'ס חסדים וואס זענען ביז יעצט געטון געווארן מיט אונז, און אזוי עפענען די טיר צו נאך חסדים און גוטע השפעות פון הימל. לאמיר האבן שכל עס צו פארשטיין.

'שיח יוסף' ח"ד עמ' רכג

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה שים שלום

### די מקור פון די ברכה

ביי די ברכה 'שים שלום' וואס מיט דעם ענדיגט זיך די 'שמונה עשרה', און ווערט געזאגט נאך ברכת כהנים בעטן מיר פון הקב"ה - וואס די ברכות זענען אין זיין האנט און פון אים איז אלעס - ער זאל באווילגן אונז בענטשן מיט די ברכה וואס די כהנים האבן אונז געבענטש, אזוי ווי עס שטייט אין תורה (במדבר ו כו): "ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם (מגילה יח א).

כאטש ברכת כהנים איז כולל אין זיך דריי פסוקים פון ברכות, הייבט זיך אן און ענדיגט זיך די ברכה 'שים שלום' מיט די ענין פון 'שלום', ווייל די ברכה פון שלום איז די הויפט ברכה ווייל מיט דעם ענדיגט זיך די ברכת כהנים, און דער כלל איז אז "הכל הולך אחר החתימה". און ווייל די ברכה פון שלום איז די עיקר, כדי צו מקיים זיין די הבטחה פון "ואני אברכם" בענטש הקב"ה די אידן מיט די ברכה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים כט יא): "ה' יברך את עמו בשלום" (מהרש"א ח"א שם).

דער 'מטה משה' (סי' קעו) לייגט צו אז אויסער די ברכה פון שלום באציט זיך די ברכה אויך צו די אנדערע צוויי פסוקים פון 'ברכת כהנים': "ברכנו אבינו" - אקעגן "יברכך ה'..."; "באור פניך" - אקעגן "יאר ה'..".

דער מדרש (במ"ר כא א) זאגט, פון דעם וואס ברכת כהנים לאזט אויס מיט שלום, און צוליב דעם אויך די לעצטע ברכה פון שמונה עשרה, קען מען זיך לערנען ווי חשוב איז דער שלום.

### די געבוי פון די ברכה

אין די פאַרזעצונג פון די ברכה בעטן מיר א באזונדערע בקשה: "ברכנו אבינו כולנו כאחד [יחד] באור פניך". רבי סעדיה גאון טייטש אז מיר בעטן דא אז ה' זאל אונז בענטשן אזוי ווי אברהם אבינו וואס ווערט אנגערופן 'אחד', אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו נא ב): "הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם **כי אחד קראתיו** ואברכהו וארבהו" ('שבולי הלקט' ענין תפילה סי' כד).

רבי שלמה קלוגער ערקלערט אזוי די בקשה: צוליב זיין ליבשאפט צו זיין פאלק וויל שטענדיג הקב"ה זייער גוט'ס, און ווען עס טרעפט זיי חלילה אן פארשידענע צרות, איז דאס נאר צוליב זיין הסתרת פנים. וועגן דעם בעטן מיר: "ברכנו אבינו כולנו כאחד" - מיט איין ברכה וואס טוט אלעס אין זיך אריינרעכענען, און דאס איז: מיר זאלן שטענדיג זיין "באור פניך" אן קיין הסתר פנים, "כי באור פניך" - ווייל אין די צייט וואס דו ביזסט משגיח אויף אונז, פון זיך אליין "נתת לנו ה' אלוקינו תורת חיים... וצדקה וברכה" - און אלע ברכות, ווייל עס איז "טוב בעיניך לברך את עמך ישראל בכל עת ובכל שעה", דעריבער בעטן מיר פון דיר נאר די איין זאך, עס זאל נישט זיין קיין הסתר פנים ('יריעות שלמה' על סידור התפילה ד"ה שים שלום).

### די באדייט פון די ברכה

ביי די ברכה דארף מען אינזין האבן צו בעטן עס זאל נישט זיין מחלוקת ביי די אידן, נאר אלע זאלן לעבן באחדות און שלום. ווייל דאס דארפן מיר וויסן, כאטש די קערפער זענען עקסטער, זענען די נשמות באהאפטן און געאיינציגט אין זייער שורש, און וועגן דעם זענען די אידן באפוילן געווארן צו לעבן צווישן זיך בשלום, "אחוזים ואחודים בתכלית היחוד והאהבה ואחווה ורעות". אזוי אויך זאל דער מענטש בעטן ביי די ברכה אויף זיך ער זאל אויסריסן פון זיך די שלעכטע מידות, ער זאל קענען לעבן מיט ליבשאפט און ברודערשאפט מיט יעדן איד, און מקיים זיין ווי עס דארף צו זיין די ציווי פון די תורה (ויקרא יט יח): "ואהבת לרעך כמוך" ('יערות דבש' ח"א דרוש א. וראה 'תומר דבורה' פ"א הפעולה הד').

די ברכה הייבט זיך אן מיט א לשון פון 'שטעלן' - "שים שלום", אזוי ווי דער לשון וואס די כהנים זאגן פאר די ברכה: "וישם לך שלום". דער 'חתם סופר' ערקלערט אז עס איז ליגט אין דעם א באזונדערן ענין: די חכמים (פסחים כז ב) ערקלערן אז דער לשון 'שימה' באדייט לייגן רואיג אויף איין ארט, און נישט ווארפן אדער צושפרייטן אין עטליכע ערטער. אויך דא בעטן מיר עס זאל הערשן צווישן אונז א ריכטיגע אחדות; נישט אז די צרות זאל צוברענגען צו 'פאראייניגן די כוחות' זיך צו קענען ספראווען אקעגן זיי, און נישט צוליב וואס מיר וועלן זיין צושפרייט אין אסאך ערטער וועט דאס אפהאלטן די קריגערייען, נאר מיר בעטן פון הקב"ה, כאטש ער וועט אונז אראפשטעלן מיט א רואיגקייט און מיר וועלן זיין אויף איין ארט, פון דעסטוועגן זאל הערשן שלום צווישן אונז (דרשות 'חתם סופר' ח"ב דף רמ ע"א).

### 'שלום רב'

לויטן רמב"ם (סדר התפילות, סוף סדר אהבה) איז דער נוסח פון די ברכה אייניג ביי אלע תפילות, און דאס איז דער נוסח וואס הייבט זיך: "שים שלום".

אבער די גדולי אשכנז האבן געהאט נאך א קורצערער נוסח אויף די ברכה, וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער "שלום רב". לויט זיי, וויבאלד די ברכה 'שים שלום' האט מען מתקן געווען ווי א פארזעצונג צו ברכת כהנים, זאגט מען עס נאר ביי די תפילות וואס מען דוכנ'ט, און ביי די תפילות וואס מען דוכנ'ט נישט, זאגט מען 'שלום רב' ('פירושי סדר התפילה לרוקח' סי' סג; 'הגהות מימוניות' סדר התפילות ז). עס זענען דא פון די גדולי אשכנז וואס האלטן אז שבת ביי מנחה זאגט מען 'שים שלום', כאטש מען דוכנ'ט נישט דעמאלט, ווייל מען ליינט אין די תורה, און ביי די ברכה "שים שלום", דערמאנען מיר די תורה זאגנדיג: "כי באור פניך נתת לנו ה' אלקינו תורת חיים..." (הגהות מימוניות שם; 'מטה משה' סי' קעו).

### די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז דיין וועג איז צו בענטשן די אידן מיט שלום [אזוי ווי עס שטייט (תהלים כט יא): ה' יברך את עמו בשלום] און הלוואי דו זאלסט אונז שטענדיג בענטשן מיט דיין שלום.

# אוצר הברכות

### מאה ברכות אין די פרשה

"וְעֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים לְאֹהֲבַי וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֹתָי [מִצְוֹתָו]" (ה י)

דער וואס איז זיך מתבונן אין דער פסוק וועט באמערקן אז אין די צייט וואס די 'קרי' איז "מצותי" - בלשון רבים, איז די 'כתיב' "מצותו" - בלשון יחיד. לכאורה פארוואס שטייט 'מצותו' בלשון יחיד, זענען מיר דען באפוילן געווארן נאר איין מצוה, תרי"ג מצוות איז דאך געגעבן געווארן פאר משה אין סיני?

ערקלערט דער **נצי"ב**: די משנה (קידושין לט ב) זאגט: "כל העושה מצוה אחת מטיבים לו ומאריכים לו ימיו ושנותיו ונוחל את הארץ". און אין ירושלמי (שם א ט) איז ערקלערט אז די משנה רעדט אויף איינעם "שייִחד לו מצוה ולא עבר עליה מימיו". ד.מ. איינער וואס איז מקבל אויף זיך צו מקיים זיין איין מצוה אין אלע אומשטענדן אן עס מבטל זיין קיינמאל. ווייל ער איז זיך מוסר נפש עס צו מקיים זיין, איז ער צוליב דעם זוכה מען זאל אים גוט'ס מאכן, און איז זוכה צו אריכות ימים און ירש'ענען דאס לאנד.

דער יסוד איז מרמז אין די 'קרי' אין אונזער פסוק; הקב"ה טוט מיטן מענטש "חסד לאלפים", צוליב "מצותו" - די מצוה וואס ער האט אויף זיך באזונדער מקבל געווען עס צו היטן.

### אמן ערציהט און ברענגט א ברכה

אין די קומענדיגע פסוקים (ו א-ב) לייגט צו דער נצי"ב אז דער וואס איז מקבל אויף זיך א באזונדערע זהירות אין איין מצוה, וועט ער פון דעם אויך האבן א נוצן אין די חינוך פון זיינע קינדער, ווייל זיי וועלן זיך לערנען אפגעבן מיט א באזונדערע מצוה, אזוי ווי זיי זען ביי זייער פאטער.

'העמק דבר'; 'נוטרי אמן' ח"ב עמ' שנג

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג

### לעבן בזה ובבא

רבי נתן נטע פון שינאווא, א תלמיד פון רבי חיים וויטאל, שרייבט אז דער וואס איז מקפיד ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג איז זיין שכר זייער גרויס בזה ובבא - "ער איז זוכה צו חיי העולם הזה אז ער לעבט אויס אלע זיינע יארן, און חיי העולם הבא, ער איז זוכה צו פארשטיין תורה שבכתב און בעל פה". דער שכר איז אויך מרומז אין פסוק (חבקוק ב ד): "וצדיק באמונתו יחיה"; אין זכות "וצדיק באמונתו" - ענטפערן אמן אזוי ווי די סומק צ', "יחיה" - וועט מען זוכה זיין לעבן בזה ובבא ('הנהגות צדיקים' ח"א עמ' רעא; 'ואמרו אמן' ח"ב אות כח).

### ניינציג אמנים ראטעוועט

דער חיד"א ברענגט אז ער האט געזען א אלטע כתב יד פון דער מקובל רבי אליעזר נחמן פואה, א תלמיד פון הרמ"ע מפאנו, אז דער וואס איז מקפיד ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג ווערט נישט געשעדיגט דורך כישוף. דאס האט ער זיך דערוואוסט דורך די עדות פון א פרוי וואס האט געהערט פון א מזיק וואס איז געשיקט געווארן שעדיגן איר זון, אז ער קען נישט אויספירן זיין שליחות און שעדיגן איר זון, ווייל ז - די מוטער פון די קינד - האט אין יענעם טאג מקפיד געווען ענטפערן ניינציג אמנים ('מדבר קדמות' א לג).

רבי רחמים ניסים יצחק פאלאג'י בעל 'יפה ללב' ברענגט אויף דעם א רמז: 'אמן' איז ר"ת: 'אין ממכשפות ניזוק' ('אבות הראש' ח"ג מערכת כ אות י). עס זענען אויך דא וואס טייטשן לויט דעם דער פסוק (משלי יב יח): "יש בוטה כמדקרות חרב ולשון חכמים מרפא"; די מעדיצין אויף כישוף וואס איז "בוטה כמדקרות חרב" איז "ולשון חכמים מרפא" - ס"ת אמן ('ארחות חיים' משלי שם).

### זיין שכר איז מרומז אויף די אבני החושן

רבי פנחס סעדון, אב"ד אין שטאט טוזר אין תוניס, האט געטראפן אז די שכר פון דער וואס ענטפערט ניינציג אמנים איז אויסגעקריצט ברמז אויף די שטיינער פון די חושן. ווייל אין 'בעל הטורים' (שמות כח יז, ע"פ יומא עג ב) איז ערקלערט אז אויסער די נעמען פון די שבטים זענען אויך די נעמען פון די אבות געווען אויסגעקריצט צווישן אלע שטיינער פון די חושן, און אויף די 'ספיר' שטיין איז געווען אויסגעקריצט די נאמען פון יששכר מיט די אות צ' פון 'יצחק'. קומט אויס אז אויף די ספיר שטיין וואס איז נעבן די 'יהלום' שטיין וואס איז גימטריה 'אמן', איז געווען געשריבן 'יש שכר צ'', אונז צו לערנען אז דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן צ' אמנים יעדן טאג איז זיין שכר פארזיכערט ('פסקי הראש' ח"א נתיב יא).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

פאר די מיטגלידער פון די גליון "וכל מאמינים"

און שפיץ פון דער וואס פירט אן דער קאמפיין הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א

אזוי ווי איך בין זוכה צו ליינען און לערנען אייער בלעטל יעדע וואך, און הנאה האבן פון יעדעס ווארט וואס איז געשריבן אין דעם, זע איך פאר א פליכט אויסצודריקן פאר אייך עטליכע פון מיינע הארציגע געפילן, אפשר וועל איך מיט דעם יוצא זיין די חוב פון די געוואלדיגע הכרת הטוב וואס איך פיל צו אייך:

**גליון גליון במה אברכך?**

**"פירותיך מתוקים"** - זיסע טייטשן, געשריבן און רעדאקטירט וואונדערליך שיין, אין אפטייילונג פארבינדט זיך צו די אנדערע, און שאפן צוזאמען א וואונדערליכע וואכנשריפט פון חיזוק אין ענינים פון 'עבודה שבלב'.

**"צילך נאה"** - דער גראפיק איז אויך אינוועסטעט, ספעציעל און ליכטיג פאר די אויגן, און דאס איז 'תורה מפוארת בכלי מפואר'.

**"אמת המים עוברת תחתיך"** - ווי א קוואל "וואסער" ['מים' מיט די כולל איז גימטרי' 'אמן'] וואס שפרודלט און ווערט שטענדיג באנייט, אזוי ווערט ענקער גליון באנייט מיט עטליכע קאלירן יעדע וואך מיט א רייכן אינהאלט. כאטש עס רעדט זיך פון איין ענין - "בכל יום יהיו בעיניך כחדשים".

**"אלא יהי רצון שכל נטיעות שנוטעים ממך יהיו כמותך"** - חפץ ה' בידכם יצליח, און די ליינער פונעם גליון זאלן זיך מחזק זיין מיט ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, לויט דעם גייסט וואס קומט ארויס פון דעם, ווי דער רמב"ן זאגט אין זיין באקאנטן בריוו וואס ענק ציטירט שטענדיג: "וכאשר תקום מן הספר תחפש באשר למדת אם יש בו דבר שתוכל לקיימו".

מיט שעצונג
**שמעיה' בערמאן**
**ירושלים**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דאס אלטע אידישע בית החיים
אין פיורדא, דייטשלאנד.

### רבי יוסף שטיינהארט פון פיורדא זצ"ל
### כ"ב אב תקל"ו

רבי יוסף שטיינהארט בעל 'זכרון יוסף', איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי מנחם מענדל אין די קליינע שטעטל שטיינהארט אין דער באווארישער געגנט פון דרום דייטשלאנד. אין זיין יוגנט האט ער געלערנט אין דער בארימטער ישיבה אין פיורדא, און דערנאך איז ער געפארן קיין פראנקפורט-דמיין לערנען ביי רבי יעקב פאפירש כ"ץ, בעל 'שב יעקב'.

ר' יוסף ווערט פארערכנט אלס איינער פון די אנגעזעענסטע תלמידי חכמים פון זיין דור. ער האט געדינט אלס רב אין עטליכע שטעט אין דייטשלאנד, און פון יאר תקכ"ד אלס רב ואב"ד אין דער שטאט פיורדא, און האט אויך געדינט אלס ראש ישיבה אין די ישיבה וואו ער האט געלערנט אין זיין יוגנט. צווישן זיינע תלמידים זענען געווען רבי מרדכי בנעט און רבי וואלף הידנהיים.

זיין ספר שו"ת 'זכרון יוסף' וואס ווערט אסאך דערמאנט אין די פוסקים, האט ער נאך געדרוקט בחייו. נאך זיין פטירה זענען געדרוקט געווארן זיינע אנדערע ספרים: 'משביר בר' און 'כח שור'. רבי יוסף איז נפטר געווארן כ"ב אב תקל"ו און באערדיגט געווארן אין די אלטע בית הקברות אין פיורדא.

### מידה כנגד מידה

אין זיין דרשה אויף שבת שובה תקל"ד האט ער אזוי געזאגט: פון יעדע מצוה וואס א מענטש טוט ווערט באשאפן א גוטער מלאך וואס איז מליץ טוב אויף אים, און פון די צווייטע זייט פון יעדע עבירה וואס ער טוט ווערט באשאפן א שלעכטע מלאך וואס איז מקטרג אויף אים. אויך פון זאגן א ברכה ווערט באשאפן א גוטער מלאך, אבער די חכמים זאגן (ברכות נג ב) אז דער מלאך קען זיך נישט פארמעסטן מיט די מקטרגים. אנדערשט איז דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון ענטפערן אמן, ער איז "תקיף וגבור שבכוחו לנצח המקטרגים".

וועגן דעם זאגן חז"ל (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן". אינדרויסן פון גן עדן געפינען זיך די 'מלאכי חבלה' וואס האלטן אפ פון אריינגיין אין זיינע טויערן, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ג כד. וראה רש"י שם): "וישכן מקדם לגן עדן את הכרובים ואת להט החרב המתהפכת לשמור את דרך עץ החיים". דער וואס גיבט אכטונג אויף ענטפערן אמן, איז גורם אז די מקטרגים זאלן אפגעשוואכט ווערן, און וועגן דעם וועט ער ווערט דארפן געווינען די מלאכי חבלה וואס שטייען ביי די טויערן פון גן עדן, וועלן זיי 'מידה כנגד מידה' אונטער געטעניגט ווערן און זיך נישט קענען אקעגן שטעלן אין זיין וועג (שו"ת 'זכרון יוסף' [פיורדא תקל"ג] דף קב).